# סצענע 4 ג'
# Escena 4 C

## אַ געזונט שפּײַזקאַרטל
## Un menú saludable

גאָלדע - וואָס טוט איר ?
רייזל - מאַמע, מיר זײַנען שוין גרייט צו קאָכן !
גיסע-ביילע -ערשטנס, לאָמיר שרײַבן אונדזער שפּײַזקאַרטל.
רייזל - גוט, זייער גוט, באָבע. לאָמיר אָנהייבן מיטן פֿרישטיק.
גיסע -ביילע -אין דער פֿרי ,זיבן - אַכט אַ זייגער, איז זייער וויכטיק צו פֿרישטיקן גוט: אַן איי מיט אַ שטיקעלע הערינג, ציבעלע און בולבעס, שוואַרץ ברויט מיט פּוטער, אַ גלעזל מאַראַנצן זאַפֿט און אַ קאַווע מיט אַ קיכעלע.
רייזל -אָבער באָבע, עס איז צו פֿיל עסן !!! איך מיין אַז "קאָרן פֿלייקס" מיט מילך און אַ באַנאַנע איז גענוג...
גאָלדע -רייזעלע, הער זיך צו צו דער באָבען. "קאָרן פֿלייקס" איז ניט קיין עסן ! "קאָרן פֿלייקס" איז... "קאָרן פֿלייקס" !
גיסע-ביילע -לאָמיר גיין ווײַטער. צום מיטאָג, צווישן צוויי און דרײַ אַ זייגער וועלן מיר עסן פֿאָרשפּײַז: געהאַקטע לעבער מיט גריוועלעד. נאָך דעם, יויך מיט לאָקשן. פֿלייש קענען מיר קאָכן רינדערנע אָדער קעלבערנע.
גאָלדע - פֿאַרגעס ניט אַ קאַרטאָפֿל- קוגל.
גיסע- ביילע -יאָ, יאָ, זייער וויכטיק ! אַ קאַרטאָפֿל קוגל און אויך אַ ביסעלע צימעס, און צום נאָכשפּײַז...
רייזל -געהאַקטע לעבער מיט גריוועלעד, יויך מיט לאָקשן, פֿלייש, קוגל, צימעס... און אַ נאָכשפּײַז אויך ??? עס איז צו פֿיל עסן !
גיסע -ביילע -צו פֿיל עסן ??? מיר קענען צוגעבן אַ סאַלאַט, אַ ביסעלע גרינסן, געפֿילטע פֿיש...
רייזל -ניין, ניין באָבע, איך מיין אַז מיט פֿלייש, קאַרטאָפֿל קוגל און גרינסן איז גענוג.
גאָלדע -רייזעלע, שווײַג ! נאָכשפּײַז איז זייער וויכטיק, מיר קענען

צוגרייטן אַ קאָמפּאָט.

גיסע - ביילע - און אויך אַ שטיקל לעקעך. וואָס ווילסטו, אַז דייַן מאַן זאָל, חס-וחלילה בלייַבן הונגעריק ?

גאָלדע - און פֿאַרגעס ניט אַ הייס גלעזל טיי מיט וואַרעניע.

גיסע- ביילע - אדרבא !!

גאָלדע - און אויך אָוונטברויט איז זייער וויכטיק !

רייזל - אָוונטברויט ???

גיסע- ביילע - יאָ, אָוונטברויט, לאָמיר זאָגן, צווישן אַכט דרייַסיק און נייַן אַ זייגער.

רייזל - נאָך אַ מאָל עסן ???

גיסע- ביילע - וואָס עפּעס נאָך אַ מאָל ? פֿון צוויי אַ זייגער ביז אַכט אַ זייגער זייַנען שוין אַריבער זעקס שעה. מע דאַרף עפּעס נעמען אין מויל אַרייַן ... !

גאָלדע - און וואָס וועט זייַן אויף אָוונטברויט ?

גיסע - ביילע - נישט קיין סך... אַ סענדוויטש מיט וווּרשט און זויערע אוגערקעס און אַ גלעזל טיי, אָדער אַ בייגל מיט קעז און לאַקס...

גאָלדע - און פֿאַרגעס נישט די בולבעס.

גיסע- ביילע - אוי אַוודאי, לאַקס מיט בולבעס, ציבעלעס און פּאָמידאָרן. מע קען צוגעבן אַ ביסל סמעטענע מיט טרוסקאַפֿקעס און אַ גלעזל מילך מיט קאַקאַאָ און צוקער.

רייזל - און דאָס אַלץ דאַרף איך קאָכן ???

גאָלדע - וואָס הייסט דאָס אַלץ ?דאָס איז בלויז דער אָנהייב. די טרוסקאַפֿקעס מיט סמעטענע דאַרפֿסטו נישט קאָכן.

גיסע - ביילע - קום רייזעלע, גענוג געשמועסט. לאָמיר אָנהייבן קאָכן. בייַ אונדז אין דער היים קען קיין מאָל ניט אויספֿעלן אַ קאַרטאָפֿל-קוגל. איז לאָמיר אָנהייבן דערמיט.